# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת במדבר תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 434



ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### מיוחסים קינדער פון מיוחסים

**"שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת כָּל זָכָר לְגֻלְגְּלֹתָם"** (א ב)

אין מדרש (ילק"ש במדבר רמז תרפד) ווערט געברענגט אז ווען די אידן האבן באקומען די תורה האבן די אומות העולם מקנא געווען און געוואלט פארשטיין פארוואס נאר די אידן האבן זוכה געווען צו די תורה. אנשטאט א ענטפער האט הקב"ה זיי געזאגט: "הביאו לי ספר יוחסין... כשם שבני מביאין... שלא זכו ישראל ליטול את התורה אלא בשביל היוחסין שלהן". מיט דעם ערקלערט דער מדרש די סמיכות צווישן דער פסוק וואס מיט דעם ענדיגט מען חומש ויקרא - "אֵלֶּה הַמִּצְוֹת אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַר סִינָי", צו די ציווי וואס הייבט אן ספר במדבר: "שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם".

**רבי הלל ליכטנשטיין פון קאלאמייא** ערקלערט אז וועגן דעם פירט מען זיך אויפרופן דעם עולה לתורה מיט זיין נאמען און זיין טאטנ'ס נאמען (ראה רמ"א או"ח קלט ג); אזוי ווי די אידן האבן זוכה געווען מקבל זיין די תורה אין זכות פון זייער יחוס, אזוי איז אויך ראוי צו דערמאנען זייער יחוס ווען מען רופט זיין אויף צו די תורה.

'מקרי דרדקי'

### 'רפאני ה' וארפא' - אויף אייביג

**"וַאֲנִי הִנֵּה לָקַחְתִּי אֶת הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תַּחַת כָּל בְּכוֹר פֶּטֶר רֶחֶם מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם"** (ג יב)

נאך וואס דער פסוק זאגט: "לָקַחְתִּי אֶת הַלְוִיִּם", פארוואס זאגט ער איבער: "וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם"?

**טייטש דער מהרש"ם פון ברעזשאן:**

אין זוהר הק' (זוה"ח בלק צ א) שטייט אז ווען הקב"ה שיקט א רפואה דורך א שליח איז דער קראנקער נישט פארזיכערט אז ער וועט נישט צוריק קראנקן ווערן, אבער וועט הקב"ה אליין היילט אויס, איז ער פארזיכערט אז זיין קראנקייט וועט קיינמאל נישט צוריק קומען צו אים. וועגן דעם זאגט דער נביא (ירמיהו יז יד): "רְפָאֵנִי ה' וְאֵרָפֵא" - 'רפאני ה" דו אליין, און איך וועל זיין פארזיכערט אז איך וועל זיין 'ארפא' אויף אייביג.

מיט דעם יסוד ווערט געטייטש דעם דאפלטן לשון אין אונזער פסוק: צוליב דעם וואס: "לָקַחְתִּי אֶת הַלְוִיִּם" איך אליין, דעריבער "וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם" - אויף אייביג.

**'תכלת מרדכי'**

### 'הרחק משכן רע' אין שול

**"מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי קְהָת יַחֲנוּ עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן תֵּימָנָה"** (ג כט)

די פאקט אז א טייל פון בני ראובן זענען נאכגעשלעפט געווארן נאך די מחלוקת פון קרח האבן די חכמים אנגעהאנגען (תנחומא במדבר יב, הובא ברש"י) אין דעם וואס זיי זענען געווען נעבן בני קהת וואס קרח האט פון אים געשטאמט, און פון דא לערנט מען ארויס: "אוי לרשע ואוי לשכנו".

ווייל דער מענטש ווערט נאכגעשלעפט נאך זיינע שכנים און לערנט זיך פון זייערע מעשים, האבן די חכמים (אבות א ו) געווארנט: "הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע". **רבי יהודה החסיד** שרייבט אז אט די זהירות פעלט זיך אויס אויך אין שול, און דאס איז זיין לשון (ספר חסידים תשע): "אדם שהוא ירא שמים, כשמתפלל לא יעמוד ולא ישב בתפילה אצל אדם רשע, מפני שכשעומד אצל אדם רשע בתפלה יהרהר הרהורים רעים ושכינה מתרחקת ממנו".

**רבי גרשון שטערן דער מאראש-לודאשער רב** לייגט צו און שרייבט אז דאס וואס די חכמים האבן אנגעכאפט דעם לשון "הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע", לערנט אונז אז זיי האבן באזונדער געמיינט וועגן דאווענען אין שול, ווייל מיטן טיטול 'שכן רע' רופן אן די חכמים (ברכות ח א) "מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל"; און אויף דעם האבן די חכמים געווארנט: "הרחק משכן רע" - פון איינער וואס גייט נישט אריין אין שול כדי צו דאווענען, כדי דו זאלסט זיך נישט אפלערנען פון זיינע מעשים צו דאווענען ביחידות, און אויך ווען דו ביזסט אין שול: "אל תתחבר לרשע" - צו די וואס זענען מבזה דורך שיחת חולין די כבוד פון שול און תפלה.

'ילקוט הגרשוני' אגדות הש"ס ח"ב עמ' נג

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### מתנה טובה ושמה 'אמן'

ווען מיר קומען רעדן איבער די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן 'אמן', איז וויכטיג מיר זאלן וויסן און געדענקען אז דאס איז נישט נאר א 'מנהג טוב' וואס עס לוינט זיך צו פירן אזוי... נאר א ריכטיגער חיוב וואס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח רטו ב): "השומע אחד מישראל מברך אחת מכל הברכות... חייב לענות אחריו אמן".

כאטש רוב ברכות וואס מיר זאגן זענען א תקנה פון די חכמים און לויט דעם אויך די 'אמן' נאך זיי איז א תקנת חכמים [וועגן די ברכות וואס זענען מדאורייתא זעה אין פמ"ג או"ח רטו בא"א ו], דאך ווערט דערמאנט די ווארט 'אמן' אין תורה נישט ווייניג מאל, צווישן זיי אויך ווי א ציווי וואס די אידן זענען באפוילן געווארן עס צו ענטפערן ביי פארשידענע מעמדים, ווי צ.ב.ש. ביי הר גריזים און הר עיבל. נישט אומזינסט זאגט רבי יהודה ב"ר יקר, דער רבי פון רמב"ן (פירוש התפילות והברכות ח"א עמ' קיב) אז די ווערטער "אז מסיני נצטוו" וואס ווערט געזאגט שבת ביי מוסף איז ר"ת 'אמן'...

כדי מיר זאלן באקומען א שטיקל באגריף אין די הייליגקייט פון די ווארט זעלבסט, לאמיר אריינטראכטן און זען אז טראץ אז יעדע 'אמן' האט א קלארע באדייט - 'אמת' אדער 'הלואי' - צוגעפאסט צו די ברכה, פון דעסוועגן וועלן מיר קיינמאל נישט ענטפערן אויף א ברכה 'אמת' אדער 'הלואי', נאר מיר וועלן דירעקט ארויסזאגן די הייליגע ווארט 'אמן' מיט די ריכטיגע כוונה.

צוליב די גרויסע קדושה און טיפקייט פון די ווארט, פארשטייט מען פארוואס האבן די חכמים אזוי מקפיד געווען עס ענטפערן ריכטיג מיט די ריכטיגע אויסשפראך און אין די אויסגעהאלטענע צייט, אזוי ווייט אז זיי האבן צוגעזאגט אריכות ימים פאר דער וואס זאגט עס ריכטיג, און פארקערט חלילה פאר דער וואס זאגט עס נישט ריכטיג - חטופה אדער קטופה (ראה ברכות מז א).

מיט די יארן האב איך אויך באגעגנט טייערע אידן וואס זענען מקפיד נישט ארויסזאגן א 'אמן' לבטלה, און אין א צייט וואס מען דארף עס נישט זאגן, דערמאנען זיי נאר די אותיות - אל"ף מ"ם נו"ן.

וויפיל דארפן מיר זיך פרייען און אויסנוצן יעדע געלעגנהייט ווען מיר האבן די מעגליכקייט צו ענטפערן 'אמן' ריכטיג, וואס אויסער איר אויבנדערמאנטע מעלה, ברענגט עס געוואלדיגע שכר און ברכות וואס די חכמים האבן צוגעזאגט פאר דער וואס ענטפערט ווי עס דארף צו זיין.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# דאס רייניגן וואס האט געריייניגט די קראנקהייט

די פאלגנדע ערציילונג איז פארגעקומען מיט אסאך יארן צוריק אין היכל 'כולל הוד השרון', דער געהערטער כולל וואס אין לויף פון יארן לאנג אין עס געשטאנען אין די 'רמתיים' געגנט אין הוד השרון.

דער כולל אין הוד השרון איז געגרינדערט געווארן מיט צענדליגער יארן צוריק דורך די 'מהצרי' פאמיליע פון די 'עולי תימן', וועלכע האבן געווייטאגט אויף דעם פאקט אז אסאך פון דעם יונגן דור ווערן נאכגעשלעפט נאך די פרייע אטמאספערע וואס הערשט אין גאס, און זיי האבן עס אנגעהאנגען אין דעם וואס דער קול התורה איז נישט געהערט געווארן אין יענע געגנט. וועגן דעם צוועק האבן זיי זיך געשלעפט קיין בני ברק, און מיט א תמימות זענען זיי אריין אין היכל הכולל פון די פאנאוויזשע ישיבה, און מיט טרערן זיך געבעטן פון די יונגעלייט זיי זאלן באוויליגן קומען לערנען אין זייער שטאט. אלע האבן זיי געוויזן אויף דעם באקאנטן מזכה הרבים הגה"צ רבי חיים עזרא ברזל אלס דער פאסיגער מענטש, און ער האט באלד אויפן פלאץ צוגעשטימט.

שוין אויפצומארגנ'ס האט רבי חיים עזרא מיטגענומען מיט זיך א גרופע חשוב'ע


די 'שעריים' געגנט אין הוד השרון

יונגעלייט פון כולל און מיט זיי געפארן קיין הוד השרון, וואו זיי האבן געלייגט דעם יסוד אויף דעם וואונדערליכן תורה'דיגן רעוואלוציע וואס האט באאיינפלוסט די גאנצע געגנט און די פרוכט זענען נאך קענטיג ביזן היינטיגן טאג.

אט אזוי, אין לויף פון לאנגע יארן פלעגט רבי חיים עזרא זיך שלעפן יעדן אינדערפרי צוזאמען מיט א גרופע יונגעלייט בני עליה פון די שטאט בני ברק וואו זיי האבן געוואוינט מיטן ציל 'ללמוד וללמד' אין דעם כולל וואס ער האט געגרינדעט כדי אויפבליהען די רוחניות'דיגע פוסטקייט אין דעם געגנט.

דאס איז געווען אין א שפעטע נאכמיטאג שטונדע, אינמיטן 'סדר ב" אין היכל הכולל, די טומל און די אטמאספערע פון די 'ריתחא דאורייתא' פון די צענדליגער לומדים האט צוגעברענגט אז קיינער פון זיי האט נישט באמערקט די צוויי פיגורן וועלכע זענען אריין אין בית המדרש מיט וואקלדיגע טריט און געקוקט מיט נייגעריקייט און וואונדער אויף די יונגעלייט וואס זענען געווען פארטיפט אין זייערע לימודים. דאס זענען געווען א

מאמע מיט איר טאכטער, נייע אימיגראנטן פון מאראקא און איינוואוינער פון דער געגנט, וועלכע זענען אריין אין בית המדרש מיט טרערן אויף די פנימער, אבער זעהנדיג דעם טומל אין בית המדרש, וואס איז געווען א פולשטענדיגע קעגנזאץ צו דער דארפישער רואיקייט וואס האט געהערשט אין דעם גאנצן געגנט, האט אויסגעזען אז זיי האבן פארגעסן אויף עטליכע מינוט דער ציל פון זייער קומען.

ערשט ווען די מאמע מיט איר טאכטער האבן זיך אויפגעכאפט פון זייער וואונדער, און זייער געוויין האט זיך געהערט אין בית המדרש, האבן די לומדים באמערקט אז זיי זענען אין בית המדרש. איינער פון די יונגעלייט, מיטן נאמען רבי אליהו קירשבערג, האט אויפגעהויבן דעם קאפ פון די שווערע גמרא וואס איז געליגן פאר אים, אפגעשטעלט זיין טראכטן אין די טיפקייט פון דער סוגיא, און איז צוגעגאנגען צו די וויינענדיגע מוטער פרעגן אויף איר באגער.

קוים האט די מאמע געקענט דערשטיקן איר געוויין און אויסדריקן איר ווייטאג, און אזוי' האט זי דערציילט:

"א גרויסע צרה איז ארויפגעפאלן אויף מיר און אויף מיין פאמיליע אין די לעצטע טעג, א שווערע צרה וואס איך האב נישט קיין אנונג וויאזוי איך וועל קענען זיך א עצה געבן; נאך א לאנגע צייט וואס מיין טייערע טאכטער וואס שטייט דא נעבן מיר, האט געפילט א שטארקע שוואכקייט און ווייטאגן, צו אונזער צער, נאך א לאנגע סעריע פון טעסטן האבן די דאקטורים אונז נעכטן נאכט געזאגט אז די מיידל איז קראנק אויף גאר א שווערע קראנקהייט, און איז אין אזא ערנסטן מצב אז אלע דאקטורים זענען איינשטימיג אז בדרך הטבע איז נישטא קיין רפואה פאר איר קרענק.

דערווייל גייט זי אריבער שרעקליכע יסורים און איר אלגעמיינע מצב פארערגערט זיך, ואני אנה אני באה...".

די יונגעלייט וואס האבן זיך פארזאמלט אויפן ארט, האבן אנגעקוקט איינער דעם צווייטן און פרובירט טראכטן וואספארא הילף וויל די פרוי פון זיי בעטן, און די פרוי האט פארגעזעצט:

"איך בין נישט אהער געקומען בעטן פון אייך געלט אדער סיי וועלכע הילף, נאר צו בעטן אז איר זאלט ערלויבן פאר מיר און מיין קראנקע טאכטער צו רייניגן דעם בית המדרש יעדן טאג, איך וועל זיך אנשטרענגען עס צו וואשן, רייניגן, שווענקען און פוצן אויפן בעסטן אופן, אזוי ווי איך קען, פאר ענקער געזונט, איר זאלט קענען לערנען תורה מיט א רואיגן קאפ און הרחבת הדעת".

"איך האב בקבלה פון מיינע עלטערן אין מאראקא", האט די פרוי ערקלערט, אז דאס איז זייער א גרויסע סגולה פאר ישועה און רפואה. און אויסער דעם וויל איך דורך דעם ווייזן דעם בורא עולם אז מיין אהבה צו אים

איז נישט פארוויניגערט געווארן אפילו מיט א ברעקל צוליב די צרה, און איך האף מיט מיין גאנצע הארץ אויף א ישועה. מיין האפענונג איז שטארק, אז אויב איך וועל רייניגן און גלאנצן דעם בית-המדרש, וואס איז דער פלאץ וואו הקב"ה וואוינט אין גלות, וועט אפשר השי"ת רחמנות האבן אויף די זעל פון מיין אומגליקליכע טאכטער, און וועט איר באלד שיקן א רפואה שלימה".

די ווערטער פון די פשוטע פרוי וואס האט זיך אנגעזען אז עס קומט ארויס פון א צובראכענע הארץ, אבער דורכגענומען מיט א שטארקע אמונה און גרויס האפענונג, האבן געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף די יונגעלייט. זיי האבן צוגעזאגט צו זאגן א תפילה פאר די קראנקע, און האבן געזאגט פאר די געטרייע מוטער אז בערך נאך א שעה, נאכן ענדיגן דעם סדר הלימוד, ווען זיי זיך אומקערן קיין בני ברק, און דאן וועט זי קענען רייניגן דעם בית המדרש לויט איר ווילן.

צומארגנ'ס, ווען די יונגעלייט זענען צוריקגעקומען אין כולל, האבן זיי קוים דערקענט דאס פלאץ. נעכטן נאכט האבן זיי איבערגעלאזט דעם בית המדרש שמוציגע און א באלאגאן, נאך א לאנגע צייט וואס איז נישט גערייניגט געווארן און איינגעארדנט, און יעצט זענען זיי אריינגעקומען אין א ציכטיג, ריינע ארט. גרינגערהייט האט זיך אנגעמערקט, אז די מאמע און די טאכטער האבן אינוועסטירט זייער גאנצע ענערגיע אין רייניגן דאס פלאץ, זיי האבן נישט פארקוקט אויף די קליינע ווינקלעך, און האבן געטון אלעס וואס זיי האבן געקענט כדי אויסצופירן זייער ארבעט אויפן בעסטן אופן.

א קורצע תקופה נאכדעם האבן זיך ווידער באוויזן די מאמע מיט איר טאכטער ביים אריינגאנג צום בית המדרש, די שמחה וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף זייערע פנימער איז געווען אין א שטארקן קאנטראסט צו די טרויער און צער וואס ערשט לעצטנס האבן זיי איבערגעלעבט. די מאמע האט זיך געפריידט מיטטיילן די יונגעלייט, אז ביי דער לעצטער אונטערזוכונג וואס איז דורכגעפירט געווארן אויף די מיידל מיט א קורצע צייט צוריק, זענען די דאקטורים שאקירט געווען זיך איבערצייגן אז די קרענק איז אוועק ווי עס וואלט קיינמאל נישט געווען.

"וויאזוי' האט איר דאס געטון?", האבן די דאקטורים זיך געוואונדערט אומגלויבנדיג, "אין וועלכע ספעציעלע שפיטאל האט איר באזוכט?", האבן זיי געפרעגט. ווען זיי האבן געהערט דעם אמת אז זיי האבן צו דעם זוכה געווען א דאנק דעם רייניגן בית המדרש זענען זיי געווען פאראליזירט - האט דערציילט די התרגשות'דיגע מאמע, און האט זיך נישט בארואיג ביז זי האט געגעבן א שיינע סומע פאר די קאסע פון כולל, און אויך געבעטן מען זאל דאס מפרסם זיין כדי צו אויפווייזן פאר דער גאנצער וועלט ווי גרויס און ריזיג איז די שכר פון דער וואס איז מכבד א בית המדרש.

'עלינו לשבח' ח"ג עמ' שנא

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די מצוה פון 'מאה ברכות' (א)

### די מקור פון די ברכה

די מקור פון די תקנה פון מאה ברכות איז אין א ברייתא וואס ווערט געברענגט אין מסכת מנחות (מג ב): "תניא, היה רבי מאיר אומר: חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, שנאמר (דברים י יב) 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך'".

רש"י און תוספות קריגן זיך דארט וויאזוי לערנט מען עס ארויס: רש"י ערקלערט (און אזוי שטייט קלאר אין זוהר במדבר דף קעט א) אז דער פסוק ווערט גע'דרש'נט אויף די וועג פון 'אל תקרי'; אל תקרי 'מה' אלא 'מאה' - "מאה [ברכות יעדן טאג] ה' אלקיך שואל מעמך". אבער תוספות ערקלערן אז די חכמים דרש'ענען דאס פון דעם וואס אין דער פסוק זענען פאראן הונדערט אותיות. אויף נאך א וועג ערקלערן זיי אז אויב מיר וועלן אויפטוישן די אותיות 'מה' לויט א-ת ב-ש, וועט אויסקומען די אותיות 'צי', וואס זענען בגימטריה מאה.

נאך א אסמכתא אויף דער חיוב לערנען ארויס די בעלי התוספות על התורה (דברים שם) פון דער פסוק (תהלים קכח ד): "הנה כי כן יבורך גבר ירא ה'"; "כי כן" איז גימטריה מאה. די צאל פון "כי-כן" ברכות "יְבָרֵךְ גבר ירא ה'" יעדן טאג.

דער 'שבלי הלקט' (ענין תפילה סי' טז) ברענגט אין נאמען פון די גאונים אז דערנאך וואס די חכמי ארץ ישראל האבן אוועקגעשטעלט די תקנה פון מאה ברכות, האבן זיי געשיקט א בריוו פאר די בני הגולה און געפרעגט צי זיי ווילן עס אויך מקבל זיין אויף זיך. זיי האבן ארויסגעוויזן זייער הסכמה צו דעם אין א זאץ וואס זיינע ראשי תיבות זענען בגימטריה מאה: "[אמת] ויציב ונכון וקיים וישר ונאמן ואהוב וחביב ונחמד ונעים ונורא ואדיר ומתוקן ומקובל וטוב ויפה הדבר הזה...". דער זאץ האט מען שפעטער אריינגעשטעלט אלס די פתיחה פון די ברכה נאך קריאת שמע ביי שחרית.

### א מנהג וואס איז יסודתו בהררי קודש

פון די גמרא אין מנחות (שם) זעט אויס לכאורה אז די מצוה פון 'מאה ברכות' האט מען מתקן געווען אין די צייטן פון די תנאים, דערנאך וואס מען האט געטראפן צו דעם א סמך פון דער לשון הפסוק (ראה בעלי התוספות על התורה שם). אבער די חכמי המדרש שרייבן אז די תקנה האט דוד המלך שוין מתקן געווען, אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק (שמואל ב' כג א): "ואלה דברי דוד האחרונים נאום דוד בן ישי ונאום הגבר הֻקַם עָל", "על" איז גימטריה מאה, אז דוד האט מתקן געווען דעם חיוב פון זאגן מאה ברכות יעדן טאג.

די חכמים לייגן צו אז עס איז אויך געווען א באזונדערע סיבה צו דעם; אין א געוויסע תקופה אין די צייטן פון דוד זענען יעדן טאג געשטארבן הונדערט אידן, דוד האט געזען אז די צאל פון די טויטע יעדן טאג איז פונקט הונדערט, און ווייל ער האט נאכגעפארשט און פארשטאנען מיט זיין רוח הקודש אז די צרה איז געקומען אויף כלל ישראל ווייל זיי לויבן נישט ה' ווי עס דארף צו זיין, דעריבער האט ער מתקן געווען מען זאל זאגן הונדערט ברכות יעדן טאג, און טאקע נאכן מתקן זיין די תקנה האט זיך אפגעשטעלט די מגיפה (תנחומא קרח יב; במ"ר יח כא; טור או"ח מו, בשם רב נטרונאי גאון; 'לבוש' שם; 'בית אלקים' שער התפילה פרק יז).

עס זענען דא ראשונים וואס שרייבן אז באמת האט שוין משה רבינו מתקן געווען די תקנה פאר כלל ישראל, אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק (דברים לג א): "וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים"; "משה איש האלקים" - איז ר"ת 'מאה', אבער אין לויף פון די טעג איז עס פארגעסן געווארן און דוד המלך האט עס צוריק באנייט, און ווען עס איז נאכאמאל פארגעסן געווארן, האבן די תנאים עס צוריק געשטעלט ('בעל הטורים' שם; 'כד הקמח' ערך ברכה).

### באשיצט פון יעדע צרה

די מצוה פון מאה ברכות האט מען מתקן געווען ווי געזאגט כדי צו מבטל זיין די גזירה פון שטארבן הונדערט מענטשן יעדן טאג. דער ב"ח (או"ח מו) שרייבט אז די סכנה שוועבט נאך העכער אונז, און ביזן היינטיגן טאג זענען מיר דאס מבטל דורך זאגן הונדערט ברכות יעדן טאג.

דער רוקח (סי' שכ) לייגט צו און שרייבט אז דער וואס זאגט מאה ברכות ווערט געראטעוועט פון הונדערט קללות; אכט און ניינציג פון פרשת כי תבא און נאך צוויי וואס זענען מרומז אין פסוק (דברים כח סא): "גם כל חלי וכל מכה".

דער אר"י הק' זאגט, נישט נאר אז די מאה ברכות זענען מבטל די קללות, נאר זיי ווערן איבערגעדרייט אויף ברכות. און א רמז אויף דעם, דיווארט 'קללה' ווערט געליינט איבערדערייט - 'הלל ק'', ד.מ. אז ווען מען לויבט דעם אויבערשטן הונדערט מאל א טאג דורכן זאגן מאה ברכות, ווערט די קללה איבערגעדרייט אויף א ברכה. דאס איז אויך מרומז אין פסוק (דברים כג ו): "ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה"; ווען דו וועסט מקיים זיין די פארקערטע פון קללה - 'הלל ק'', וועט ה' עס איבערדרייען לברכה ('דרך משה' ליום יא).

### הונדערט שערי ברכה

אויסער דעם וואס זאגן מאה ברכות יעדן טאג באשיצט דעם מענטש פון פורעניות, איז עס אויך משפיע אויפן מענטש גוטע השפעות און ברכות, און אזוי ווי דעם גאלדענעם לשון פון המקובל הקדמון רבי יוסף ג'יקטיליה אין זיין ספר 'שערי אורה' (שער א): "ובעוד שישראל צדיקים ומברכים מאה ברכות בכל יום כהוגן, הבאר הזאת מתמלאת ממים חיים משפע אצילות עליונה, ואז כולם עשירים מלאים כל טוב שואבים מים חיים כפי צרכם".

רבי מנחם ריקאנטי שרייבט אז אין הימל זענען דא הונדערט שערי ברכה, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כו יב): "ויזרע יצחק בארץ ההוא וימצא בשנה ההוא **מאה שערים** ויברכהו ה'". די 'מאה שערים' עפענען זיך נאר אין זכות פון זאגן מאה ברכות, "כי כל ברכה וברכה יש לה מקום ומעיין ממה שהיא נשפע ונאצלת. ואם חס ושלום יחסר מהם הרי זה מקלקל הצינורות, ומקצץ נטיעות נפשו ואוי לו על חסרונו שאינו נכנס בשערי צדק". אבער דער וואס איז מקפיד משלים זיין די מאה ברכות יעדן טאג, ווערט געבענטש מיט מאה ברכות ('פירוש הרקאנטי' עה"ת פר' תולדות).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

### מאה ברכות מיט א דביקות

"אַךְ אֶת מַטֵּה לֵוִי לֹא תִפְקֹד וְאֶת רֹאשָׁם לֹא תִשָּׂא בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (א מט)

דער וויזניצער רבי בעל **'ישועות משה'** זאגט:

"מַטֵּה לֵוִי" איז בגימטריה מאה, א רמז אז די מאה ברכות דארף מען זאגן מיט א דביקות און א אינערליכן קשר, ווייל מיר טרעפן אז 'לוי' איז פון דער לשון באגלייטן און באהעפטן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כט לד): "הַפַּעַם יִלָּוֶה אִישִׁי אֵלַי... עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ לֵוִי".

'דברי אלקים חיים' תשל"ו - תשמ"ה

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### א ברכה אן אמן – א פלג גופא

דער 'עטרת צבי' פון זידיטשויב שרייבט אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן דער 'חוזה פון לובלין' אז מען דארף זאגן ברכות השחר בציבור אין שול, כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן אויף די ברכות. זיינע ווערטער ענדיגט ער מיט דער לשון: "און א ברכה אן אמן איז ממש א פלג גופא ווי עס איז באקאנט און מפורסם" ('פרי קודש הילולים' שער הברכות פ"ד; 'שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פרק יט).

דער 'חוזה פון לובלין' פלעגט אויך יעדן אינדערפרי רופן א קינד זאל זאגן פאר אים ברכות השחר, און ער פלעגט ענטפערן אמן נאך אים ('בשורות טובות' [בילגוריי תרפ"ז] שיחות וסיפורים).

### עשו איז אנגעקומען נאך די ברכות...

ווען דער רבי בעל 'מקור ברוך' פון סערעט וויזניץ האט געדינט אלס רב פון די שטאט סערעט, האט ער זיך געפירט דאווענען שבת אינדערפרי יעדע וואך אין אנדערע שול אין שטאט.

איין וואך, ווען ער איז אריין דאווענען אין איינע פון די שולן, האט ער זיך איבערגעצייגט אז צוליב א סיבה האט מען די וואך אנגעהויבן דאווענען פריער אן אים צו מעלדן אויף דעם, און ווען ער איז אריין האבן די מתפללים געהאלטן נאכן זאגן ברכות השחר. צו די איבערראשונג פון די מתפללים האט דער רבי פארלאזט דאס פלאץ און איז געגאנגען דאווענען אין א אנדערע שול. די גבאים וואס האבן געפילט א פארלוסט האבן אים געבעטן אז וויבאלד ער האט זיך שוין געפלאגט און געקומען ביז אהער, זאל ער בלייבן דאווענען מיט זיי. אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי זיינס און פארלאזט דעם בית-מדרש, ווען ער מורמל'ט צו זיי מיט א שמייכל: "איך בין נישט עשו..."

ווען ער האט באמערקט די וואונדער אויף זייערע פנימ'ער, האט ער ערקלערט זיינע ווערטער מיט א קורצן זאץ: "עשו איז געקומען נאך די ברכות...", און איז אוועק געגאנגען ('נועם הברכה' עמ' פד)

אין א אנדערע געלעגנהייט איז דער 'מקור ברוך' אריין אין א שול און געזען אז אין 'לוח מודעות' איז אויפגעשריבן די זמן פון זאגן ברכות השחר און אונטער דעם איז דער זמן פון זאגן 'הודו'. עס האט אויסגעזען אז דאס איז געמאכט געווארן מיט א ציל פאר די וואס ווילן פארשפעטיגן ביז די זמן פון זאגן 'הודו'. עס האט זייער פאדראסן דעם רבי'ן, און אויך דאס מאל האט ער געענטפערט מיט אן ענליכן אויסדרוק: "צו א תפלה בציבור דארף מען שוין קומען צו ברכות השחר. אזוי האט מען זיך געפירט אין אלע פריערדיגע דורות, נאר עשו איז געקומען נאך די ברכות..." (שם עמ' קעז)

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די שטאב פון 'וכל מאמינים', איש איש בשמו הטוב יבורך**

איך האב זייער הנאה געהאט פון דעם לעצטן מאמר פונעם נשיא און גרינדער פון ענקער חשובן אונטערנעמונג - דעם גרויסן פאבריק צו מחזק זיין אין דעם גאנצן וועלט דאס ענטפערן אמן, אין וועלכע ער האט געשריבן אז אין ליכט פון די ווערטער פון זוהר הק' אויך דער מברך דארף נאכזוכן דעם 'אמן'. און דער אמת איז, אז דער רמ"א פסק'נט אזוי אין הלכות בציעת הפת (או"ח קסז ב):"והמברך יכוין לאמן שאומרים" און דער 'משנה ברורה' (שם כ) ערקלערט "דורך דעם וואס מען ענטפערט אמן איז די ברכה חשוב'ער".

איך האב געטראכט אז דאס זאגט דער פסוק (קהלת ד ט) "טובים השנים מן האחד אשר יש להם שכר טוב בעמלם", ד.מ. ביים זאגן א ברכה איז גוט עס זאלן זיין צוויי און נישט איינער נאר דער מברך, ווייל אזוי די ברכה שלימות'דיג "ויש להם שכר טוב בעמלם".

מיט א וואונטש און שעצונג

**מ. ווייס**

**חיפה**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס:
08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער קבר פון רבי יוסף אירגאס אין ליווארנא, איטאליע

### דער מקובל רבי יוסף אירגאס זי"ע

### ג' סיון ת"צ

רבי יוסף אירגאס, פון די גדולי המקובלים אין איטאליע, איז געבוירן צו זיין פאטער רבי עמנואל אירגאס אין יאר תמ"ה אין ליווארנא. אין זיין צייט האט געלעבט אין די איטאליענע שטאט רעגגיא דער מקובל רבי בנימין הכהן וויטלי [הרב"ך] א תלמיד פון רבי משה זכות [הרמ"ז], די נפש פון רבי יוסף האט געגלוסט צו לערנען חכמת הסוד, און ער האט פארלאזט זיין שטוב און איז אריבער קיין רעגגיא צו לערנען די חכמה פון רבי בנימין.

ביי זיך צוריקקערן קיין ליווארנא איז ער גערופן געווארן צו דינען אלס רב פון דער שטאט. דארטן האט ער ווייטער מרביץ תורה געווען און אויפגעשטעלט אסאך תלמידים, צווישן זיי איז באקאנט הרב מלאכי הכהן מחבר ספר 'יד מלאכי'. ער האט זיך געשריבן מיט די גדולים פון זיין דור און דער בעל "משנה למלך" שרייבט אויף אים זייער גרויס: "מי כמוהו מורה דרך לא יטו ממנו ימין ושמאל, אשר יאמר - כי הוא זה". באקאנט מיט זיין ספר "שומר אמונים" אויף עניני קבלה, ער האט מחבר געווען נאך ספרים, צווישן זיי: 'פרי מגדים' און 'מנחת יוסף'.

רבי יוסף איז נפטר געווארן אין ליווארנא ג' סיון אין יאר ת"צ אין עלטער פון פינף און פערציג יאר, און אין באערדיגט געווארן אין די שטאט.

### מחנך זיין די תלמידים אויף ברכות און ענטפערן אמן

די חכמים זכרונם לברכה זאגן (אבות א יז): "לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה". ד.מ.: "לא המדרש העיקר, דער עיקר איז נישט דאס לערנען מיט די יונגטליכע, אלא המעשה - זיי צוגעוואוינען צו מעשים טובים און אריינלייגן אין זייערע הערצער יראת ה', און זיי גוט ערקלערן די מצוה פון אמונה און די אנדערע מצוות - אכטונג געבן נישט הנאה האבן פון עולם הזה אן קיין ברכה ראשונה און אחרונה, און ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה" ('מנחת יוסף' אות נה).

### ענטפערן אמן ביי חזרת הש"ץ

אין די צייט וואס דער שליח ציבור זאגט איבער די שמו"ע זאל מען אינזין האבן ענטפערן אמן און נישט זיין פארנומען מיט אנדערע זאכן, אפילו נישט מיט דברי תורה. אויפן אר"י הקדוש ווערט דערציילט אז ביי חזרת הש"ץ איז ער געשטאנען מיט פארמאכטע אויגן און האט געענטפערט אמן נאך יעדע ברכה ('פרי מגדים' אות פא ואות קכד).